Call no: B. (NS)Cr93

Title: Das lied fun di yamim tovim ... opgiklapte Hoshana ...

כותר: דאס ליעד פון די'א ימים טובים ... אפגיקלאפטע הושענא ...

Imprint: [England? : s.n., 19--]

Collation: 1 broadside ; 21 x 19 cm.

הערות: סוג הגליון: שיר. תחילת השיר: די'א גאנצע וועלט איז ווי'א א חלום.

Subject: Jewish poetry.
Yiddish poetry.
Lulav.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

דאס ליעד פון

# דיא ימים טובים.

דיא ליעדער פון דיא ימים טובים אונד דיא אפּ־ניקלאפּטע הושענא פערפאסט אונד געזונגען פון בעריהמטען וועיטעה אונר בדחן מר. פינקעלשטיין, פון 18 אנטאני סטריט, קאמאשעל ראד. אלע רעכט פער־קויפט צו מר. מאזין, 100 אלד מאנטאניו סטריט

1

דיא גאנצע וועלט איז וויא א חלום,
א גליק אז עס איז דא שלש רגלים,
עס איז קיין חילוק פון ארעם ביז רייך,
דער יום טוב איז פאר יעדען גלייך,
קארוס אוי וויא וואויל, אוי וויא גוט איז דאך צו זיין א איד

2

פסח, איז קיין קליינינקייט,
וייל גאט האט דיא אידין פון מצרים בעפרייט,
ער האט פרעה'ס הארץ מיט מכות בעשמירט,
און די אידין, איבערן ים טריקין אריבערגיפירט קארוס

3

שבעות, איז פיר אידין א סחורה,
ווייל ער פרייט זיך מיט גאטעס תורה,
דער פעטער קיכען שמעקט דאך זייער,
אונד איין אנדערן דיא קרעפלאך מעהר. קארוס

4

ראש השנה, קריגט יעדער איד א בלאסע נאז,
ווייל מען דערשרעקט זיך פאר דעם ערשטעז בלאז
מען גייט צו תשליך, מען שאקעלט דיא פאלעס אוים
ביי איין אנדערן פאללט וואס אנדערש ארוים. קארוס

5

יום כפור, וויל א יעדער איד בלייבען גירעכט.
מען טראגט אין שוהל דיא וועקסענע ליכט,
א גאנצען טאג שטייט מען אין זאקען,
אונד אז מען קומט אהיים שלאגט מען אריין א פלאקין
אין דער סוכה. קארוס

6

סוכות, איז פיר דיא מעננער גוט,
זייא קריגען צוא עסען זייער זאט.
דיא פרויא האט מורא צוא מאכען א פעהלער,
ווייל דער שכן קוקט אריין אין טעללער. קארוס

דאס ליעד פון דיא

# אפּגיקלאפּטע הושענא.

1

וויא שיין איז דער יום טוב, וויא הייליג איז ער,
מען רופט איהם הושענא רבה,
אונד מיט דיא הושענות וואס איז דען מעהר?
מעז ניט זייא אפּ דעם גרויסען ברוך הבא,
נור דיא הושענות האבין היינט א גאנץ קליינים ווערט
אז מען קלאפּט זיי אפּ ווארפט מען זיי אן דער ערד,
ביס און מען ענטפערט זייא מיט איין טענה,
דוא ביזט איין אפּגיקלאפּטע הושענא.

2

א מיידיל א שיינס, יונג וויא א רויז,
האב איך ערשט ניט לאנג ערקענט,
זי האט מיר גיבעטין איך זאל קומען צו איהר אין הויז,
פיר ליבע האב איך אזש גיברענט,
און אז איך בין צו איהר גיקומין וואס האב איך גיזעהן
אז איהר שיינהייט איז בלויז פעינט און פודער גיוועזן
ביס האב איך זיא גיענטפערט מיט איין טענה,
דוא ביזט איין אפּגיקלאפּטע הושענא.

3

א ווייביל א יונגס קוים צוואנציג יאהר אלט,
האט גיהייראט איין אלטען רייכען מאן,
זיא פלעגט אבער שטענדיג שרייען גיוואלט,
וואס קען דען מעהר כיט איהר זיין?
און אז מען פלעגט איהר פרעגען, וואס פעלט דען אייך
איהר זייט דאך גאט צו דאנקען גליקליך און רייך.
ביס וואס טויג מיר, זאגט זיא דיא עשירות מיינע,
אז מיין מאן איז איין אלטע אפּגיקלאפּטע הושענא.

4

א יונגער מאן, פלעגט פארדינען צוויי פונד א וואך,
גיארבייט זעהר שוועהר,
זיינע עלטערן האבן גימיינט אז ער קלערט אויף א תוך
ער וועט כירצליך ווערן איין מיליאנער,
נור שבת, ווען ער נעמט דיא ווידזשעס אפּ,
לויפט ער וויא א מויז, גלייך אין געמביל קלוב.
ביס וואסזשע מיינט איהר, קומט ער ארוים מיט דיא פאקעטס זיינע,
וויא איין אפּגיקלאפּטע הושענא.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

(NS) Cr 93